# פרשת בלק

**בס"ד. משיחת י"ב תמוז ה'תשמ"ה.**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דער מאורע איז דאס – די זאך פון דער גאולה פון בית האסורים פון דעם בעל הגאולה.

וואס דאס האט מען דערביי גלייך א הוראה, אז א איד איז **באשאפן געווארן**, און זיין **תכלית** איז, און ווי אזוי **דארף** ער אויספירן, און **קען** אויספירן, זיין מטרה און זיין שליחות **בשלימות** – ווען ער איז א **בן חורין**, ער האט ניט קיין הגבלות.

ובפרט נאך לויט דעם ענין הידוע, אז זינט יציאת מצרים, איז צוגענומען געווארן ביי אידן די גאנצע אפשריות אז זיי זאלן זיין עבדים, נאר פון דעמולט אן זיינע זיי "בני חורין",

בשעת עס קומט נאך א מאורע וואס איז דאס מדגיש,

אז לכאורה איז געווען דער מאסר דורך א ממשלה, וואס זי איז געווען א **תקיפה ביותר**, ובאותן המדינות איז זי געווען א "מושל בכפה" פון יענע מדינות,

און וואס דעמולט איז דאך דארטן געווען דער "רוב מנין" און "רוב בנין" פון אידן, במילא זיינען זיי געווען דער "מושל בכפה" – בכל העולם כולה,

און זיי האבן געמאכט אט דעם מאסר,

און דער איד האט באוויזן, זייענדיק **אין מאסר**, אז ער ווערט פאר זיי ניט נתפעל, און אין אלע זאכן וואס זיינען פארבונדן מיט אויבערשטן, במילא פארבונדן מיט תורה ומצוותי' – איז ער א בן חורין לגמרי,

און ווי ער האט דאס געזאגט, ווי שוין אפגעדרוקט אויך די שיחה הידועה פון **ג'** תמוז, וואס דעמולט איז ער פארשיקט געווארן ע"י ממשלה זו אין **גלות**,

וואס גלות איז דאך איינער פון די עונשים הכי חמורים, ביז וואנענט ווי דער חינוך איז דאך מסביר, אז גלות איז גאר בדוגמא פון **היפך החיים**,

איז גייענדיק אין אט דעם גלות, וואס ער איז דאך געגאנגען און געפארן אהינצו, און געוויס געוואוסט פארוואס ער פארט אהינצו, אז ס'איז ניט מרצונו הטוב, נאר דערפאר וואס די ממשלה איז אים מכריח –

ביחד ע"ז האט ער גלייך **מכריז** געווען, און דערנאך איז דאס **נתפרסם** געווארן, און ס'איז דערגאנגען אויך צו אונז, אז נאר אונזערע **גופים** זיינען אוועק אין גלות, און אויך – פארוואס? דערפאר וואס דער **אויבערשטער** האט זיי געשיקט אין גלות,

במילא איז אויך פארשטאנדיק, אז אפילו בשעת מ'געפינט זיך אין **גלות** – האט דעמולט דער גלות **קיין שליטה ניט** אויף א אידן אין ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט **אידישקייט**, ווארום דאס איז פארבונדן מיטן **אויבערשטן**, און אויף דערויף האט דער אויבערשטער ניט געשיקט אין גלות;

איז א איד א בן חורין לגמרי.

וואס דאס האט דערנאך גלייך געבראכט, במשך פון א זמן **קצר**, אז אנשטאט פון **דריי** יאר גלות – איז געווארן א זמן **הכי קצר**, ובי"ג תמוז, איז דעמולט "חופשה ניתנה לו", אפילו פון די "הפה שאסר" איז אויך געווארן "הפה שהתיר",

און דער "הפה שהתיר" – גלוי לעיני כל העמים, אין אן אופן של פרסום הכי גדול אפילו במדינה **ההיא**.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בלק

וואס אט דא קומט גלייך די הוראה בנוגע **לפועל**,

אז א איד גייט ארויס אין וועלט, אדער ער איז **געבוירן** געווארן אין וועלט, איז אין א סביבה, וואס, דעמולט, בשעת ער איז געבארן געווארן, איז דאס געווען א "נשבה בין העכו"ם", און האט דארטן געוואוסט פון אידישקייט (?),

זאגט מען, אז דאס אי מערניט ווי "נשבה", ער איז דארט **געפאנגען** געווארן באופן **עראי**, ווארום ניט דאס איז זיין **מציאות**, און דאס איז זיין **סביבה**, און ניט דאס איז זיין **מהות**,

און ס'איז א זיכערע זאך אז "בל ידח ממנו נדח", און דער אויבערשטער וועט ניט לאזן זיין **בן**. אדער אפילו זיין **עבד**, אז זיי זאלן זיין אין א מעמד ומצב פון "שבוי" – דערפאר וואס דאס איז **היפך** די מציאות פון דעם **אויבערשטן** במילא איז דאס היפך די מציאות פון א **אידן** – ווערט דאס היפך די **טבע** פון א אידן; ער דארף נאר ניט **פארדעקן** זיין טבע הגשמי.

מ'דארף דאך אבער האבן אן ענין וואס זאל אים **מעורר** זיין (אויפוועקן אים) פון דער "ישנים בהבלי העולם" בלשון הרמב"ם, **אויפוועקן** אים, און **דערמאנען** אים וואס זיין מציאות איז –

איז אט דאס איז איינער פון די תפקידים פון אזוי מאורעות:

אז **מ'דערהערט**, און מ'איז זיך **מתבונן** און **מ'טראכט זיך אריין**, אז ס'איז געווען א איד וואס איז געווען במאסר משך ימים, און דערנאך איז דער מאסר האט זיך אויסגעלאזט, לכאורה, ניט מיט **זכות**, ניט מיט **שחרור**, נאר אדרבא – מיט אן עונש הכי גמור פון גלות,

און דערנאך איז "הפה שאסר הוא הפה שהתיר" מיטן גאנצן גילוי מיטן גאנצן שטורעם,

אט דאס זאגט מען אים גלייך – במכ"ש וק"ו: אז ניט דו זאלסט לערנען אז דאס איז אן **אויסנאמס-פאל**, דערפאר וואס דאס איז א איד שהרבים צריכים לו וכו' (לציין מ"מ);

האט דער איד אליין **מכריז** געווען און **מודיע** געווען, און **געשריבן** און געהייסן אפדרוקן, אז "לא אותי בלבד גאל הקב"ה"" נאר **יעדער** אידן, אפילו אזא איד וואס "בשם ישראל **יכונה**":

און ניט ארויסגענומען איז א באזונדער **טאג** מיט א באזונדער **גאולה** – איז דער בעל הגאולה אליין מסביר, אז "לא אותי לבד גאל הקב"ה" אין דער **זעלבער** גאולה איז "אלא אותי בלבד" נאר **יעדערער** וואס "בשם ישראל יכונה" – איז ארויסגענומען געווארן אין עדער **זעלצעך** גאולה!



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.